III. יאהרגאנג נומער 21

24 מאי (.V) 1907

דער סאציאל-דעמאקראט

DER SOZIAL-DEMOKRAT

ארגאַן פון דער יודישער סאציאַל-דעמאקראטישער פארטיי אין גאַליציען.

ערשיינט יעדען פרייטאג אין קראקוי.

ד צייטונג קאסט מיט צושטעלונג
גאנץ-יעהרליך 4 קר. 40 העלער
האלב-יעהרליך 2 „ 20 „
פיערטעל-יעהרליך 1 „ 20 „
פיר אויסלאנד:
יעהרליך 5 קראנען 50 העלער
איינצעלנע נומער 8 העלער
אנאנסען קאסטען פיר צייל פעטיט 15 העלער.

אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
„Der Sozial-Demokrat"
Krakau, Starowiślna Nr. 42
נישט פראנקירטע בריעף ווערען נישט אנגענומען.
מאנוסקריפטע ווערען נישט צוריקגעשיקט

אכטונג! גענאסען!

ועמטליכע פראקלאמאציעס, פלאקאטען אדער זאנסטיגע פלוגבלעטער און בראשורען פונ'ם וואה. קאמפף, סיי אונזערע אדער פון אנדערע פארטייען, בעטען מיר ווי אמגיכסטען איינצושיקען פאר דעם פארטיי-ארכיוו, אויף די אדרעס פון „סאציאל-דעמאקראט".

וואהלרעכט אדער וואהלרויב ?!

ווער עס האט דורכגעלעבט די גאליצישע רייכסראטהסוואהלען האט געמוזט אוועקטראגען דעם איינדרוק, אז גאליציען געהערט נישט צו עסטרייך, אז נישט צום עסטרייכישען פארלאמענט זענען אין גאליציען פארגעקומען וואהלען, אז די וואהלרעפארם, וועלכע בינד די גאנצע עסטרייכישע מלוכה האט קיין שום שייכות נישט מיט גאליציען. אין גאליציען זענען בכן נישט פארגעקומען קיין וואהלען זונדערן א איינפאכער וואהלרויב! א וואהלרויב, וועלכער האט זיינס גלייכען נישט אין ערגיץ, אין קיין שום לאנד! נאר נישט זענען די בערימטע גאליצישע וואהלען פון פריהער, אקעגען די, וואס זענען פארגעקומען שוין אויפ'ן גרונד פון דער נייער וואהלרעפארם. צום האהן און שפאט האבען די גאליצישע בעהערדען ארויסגעשטעלט די בעדייטונג פון די שטאאטסגעזעצען, וועלכע זאלען אויך זיין בינדענד פאר גאליציען. די פעלקער פון גאליציען פיהלען שוין פון לאנג, אז זיי לעבען נישט אין א קאנסטיטוציאנעלען שטאאט. וייל, וואס פאר א ווערטה האט פאר אונז גאליציער די עסטרייכישע קאנסטיטוציע, וואס פאר א ווערטה האט פאר אונז דער פארלאמענט, וואס פאר א ווערטה, שליסליך, די געזעצען, וועלכע דער פארלאמענט בעשליעסט ווען מיר געניעסען פון דעם אלעם נישט, ווען א ערשטער בעסטער שטאאטס-פאכאלעק וועלכער זאל די השגחה האבען איבער דער אויספיהרונג פון א געגעבענעם שטאאטסגעזעץ, טהוט עס אונבעשטראפט אליין מיט די פיס טרעטען. וואס בעדייטען די געזעצען, וועלכע ווערען פון פארלאמענט אנגענומען און פון קאיזער סאנקציאנירט, ווען די ארגאנען וואס זאלען אבהיטען דיזע געזעצען, האנדלען אליין געגען דיזע געזעצע?

דאס, וואס די גאליצישע בעהערדען האבען געמאכט מיט דעם נייעם וואהלגעזעץ איז א שווערע בעליידיגונג פאר דער קאנסטיטוציע. דאס וואס די גאליצישע בעהערדען האבען געטהון מיט דעם וואהלגעזעץ שטעלט אין א מסופק'דיגע לאגע דעם אויטאריטעט פון דער העכסטער געזעצגעבענדער איינריכטונג אין דער מלוכה. די גאליצישע וואהלען האבען בכן געוויזען, אז די ווילקיר פון די גאליצישע אויספיהרונגס-ארגאנען שטעהט העכער פאר'ן פארלאמענט, אז נישט די פון פארלאמענט בעשלאסענע געזעצען רעגירען ביי אונז, זונדערן די ברוטאלסטע ווילקיר פון די סטאראסטעס, פון דער פאליציי און בכלל פון די בעהערדען!

ביידע פארלאמענטען האבען בעשלאסען, אז די וואהלען זאלען זיין געהיים אבער די גאליצישע בעהערדען שטעהען העכער פון ביידע פארלאמענטען און מאכען פון געהיימע וואהלען — עפענטליכע. דער פארלאמענט בעשליעסט א געזעץ פון וואהל-פרייהייט, וועלכעס גאראנטירט א יעדען וועהלער פולע פרייהייט אינ'ם געניעסען פון זיין וואהלרעכט — אזא געזעץ טויג אבער נישט דער נאך יעצט הערשענדער שלאכציציש-קהל'ישער קליקע און די בעהערדען, וועלכע האבען די הינטישע פפליכט צו היטען איבער דער וואהל-פרייהייט, אנשטאט צו דיענען דעם געזעץ, געהען זיי אין דיענסט צו דער שלאכציציש-קהל'ישער באנדע אין מאכען פון געזעץ א שמאטע.

מיר האבען אלזא אין גאליציען געהאט וואהלען נישט נאך דעם נייעם וואהלגעזעץ, אבער נאך א נייעם וואהלרויב-פלאן פון דער הערשענדער קליקע. נעגען דעם געזעץ האבען די בעהערדען דערלאזט עפענטליכע וואהלען, נישט נאר דערלאזט אבער זעהר אפט אליין געמאכט די וואהלען עפענטליך. אויף אזא אופן זענען טויזענדער פון וועהלער בערויבט געווארען פון וואלרעכט. געגען דעם געזעץ פון וואהלפרייהייט האבען די בעהערדען נישט נאר געבילינט פערשיעדענע רעפרעסיעס אבער זיי אליין האבען אויסגעאיבט די ארדינערסטע רעפרעסיעס אויף די וועהלער, כדי זיי צו צווינגען, דאס זיי זאלען שטימען אויף די שלאכציציש-קהל'ישע קאנדידאטען. געגען דעם געזעץ וועגען דער רייכהייט פון די וואהלען האבען די אגיטאטארען פון דער שלאכציציש-קהל'ישער פארטיי נעטריבען דעם גרעסטען וואהלשווינדעל, די בעהערדען האבען נישט נאר נישט געשטערט צו שווינדלען, פערקעהרט זיי האבען נאך די שווינדלער אין שוץ גענומען. דאס פערשטעהט זיך

זענען נישט געווען קיין וואהלען — דאס איז מעהר פון אלין געווען א פשוט'ער וואהלרויב אין מיטען העלען טאג, אויפ'ן פרייען וועג, וועלכער איז בעגאנגען געווארען אונטער דעם אויג און מיט'ן אויסדריקליכען הסכם פון די בעהערדען, וועלכע זענען בערופען אבצוהיטען די געזעצען און די שטאאטספעראָרדנונגען. די ווילקיר פון די גאליצישע בעהערדען האט אבער קיין שיעור נישט. זי שאלטעט און וואלטעט איבער אלע געזעצען און פעראָרדנונגען, זי פיהלט זיך גאנץ בערוהיגט זי האט נישט קיין מורא פאר קיין שום בעשטראפונג.

דיזער אומשטאנד האט זיין בעגרינדונג אין דער מאכט וועלכע די פוילישע שלאכציצען האבען פריהער געהאט אין פארלאמענט אין בכלל אין דער פריהערדיגער קוריען-וואהלאָרדנונג. דער פריהערדיגער קוריען-סיסטעם האט בעשאפען די מעגליכקייט צו הערשען אין לאנד און אין ווין דער פוילישער שלאכטא. א דאנק איהר מאכט אין וויענער פארלאמענט האט זי געקאנט אין גאליציען רעגירען נאך איהר גוסטע נאך, אזוי ווי זי האט געוואלט. דער פריהערדיגער רעאקציאנערער פארלאמענט און די רעגירונג האט איהר געגעבען דעם הסכם דעויף, ווארן אין דעם רעאקציאנערען קוריען-פארלאמענט איז דאס שלאכציצישע „קאלא-פאלסקיע" געווען די שטארקסטע רעאקציאנערע פארטיי. און הגם די צענטראלע רעגירונג האט געזעהען, אז גאליציען איז זיך מיט איהרע שטאאטסבעהערדען א בעזונדערע מלוכה, וועלכע ווערט רעגירט פון דער שלאכטא פעליג ווילקירליך, האט זי געמוזט רוהיג איינגעהען, ווייל דאס „קאלא-פאלסקיע" איז איהר תמיד געווען נויטיג, ווארן פאר דאס האט ווידער דאס „קאלא-פאלסקיע" געגענזייטיג טראדיציאנעל אונטערשטיצט די רעגירונג.

אבער די צייטען האבען זיך א ביסל געביטען. דאס אלגעמיינע גלייכע וואהלרעכט האט אויך מיט א קאפ קערצער געמאכט דאס „קאלא-פאלסקיע" אין וויענער פארלאמענט. עס וועט שוין מעהר נישט אזוי שטארק ווי עס איז ביז יעצט געווען, נאך מעהר וועט דער איינפלוס פון דער שלאכט זיין אין ווין קירצען די פאלקסטהימליכקייט פון דעם נייעם פארלאמענט.

מיר קענען דעריבער געזיכערט זיין, אז דער לעצטענס בעגאנגענער וואהלרויב פון דער שלאכצעצקער רעגירונג אין גאליציען וועט זיך שוין מעהר נישט ווידערהאלען: דער וואהלרויב פון די גאליצישע בעהערדען איז נאר געווען דער לעצטער דיענסט דער צום קבר מארשירענדער שלאכטא-הערשאפט אין גאליציען.

די וואהלרעפארם. ווי זי האט נישט קינסטליך צונויפגעשטעלט די וואהלקרייזען, איז לחלוטין געווען א טוידט-פסק פאר דער שלאכטא. פון איהר האט זי נאך געזאלט אבהיטען דער שווינדעל און געוועהנליכער שטראסען-רויב. אבער ס'וועט שוין נישט זיין קיין פארלאמענט אין עסטרייך, וועלכער זאל טאלערירען דעם בעקאנטען גאליצישען וואהל-שווינדעל און וואהלרויב.

דער לעצט בעגאנגענער גאליצישער וואהלרויב איז נאך א איבערבלייבסיל פון דער ווילקירליכער שלאכעצקער הערשאפט, וועלכע אין גאנצען חרוב צו מאכען וועט זיין די ערשטע אויפגאבע פון די גאליצישע סאציאליסטישע פארטייען.

דער ביזיעצטיגע רעזולטאט פון די גאליצישע וואהלען.

כל'ערליי שווינדלען און וואהל-מאכינאציעס האבען געפייערט פראסט ארגיען ביי די גאליצישע וואהלען און דאך, ווען מיר וועלען אונטערפיהרען א סך הכל פון די ביזאיצטיגע גאליצישע וואהלרעזולטאטען, וועט די ניעדערלאגע זיין אויפ'ן צד פון דער רעאקציע. ביים אלגעמיינעם, גלייכען וואהלרעכט לאזט זיך דאך נישט אזוי שווינדלען, ווי פריהער, און דער שווינדעל טרעט ארוים א סך בולטיער ווי פריהער. און הגם די הערשענדע פארטייען האבען נישט דורכגעקליבען און קיין מיטלען, הגם זיי האבען געוויס נישט דורכגעלאזען קיין איינציגע זאך, וועלכע האט זיי געזאלט פערהעלפען צום „זיעג" — האבען זיי פארלייפיג אוועקגעטראגען א מיאוסע ניעדערלאגע.

די וואהלען זענען נאך נישט געענדיגט און מיר האלטען זיך נאך צוריק פון ארומרעדען די וואהלען. מיר קאנסטאטירען נאר טהאטזאכען. און אזוי זעהען מיר, אז אין דארף זיינגען די לודאוויצעס. ביז איצט האבען זיי שוין 12 מאנדאטען און האבען אויסזיכט אויף נאך איינציגע. זיי ווערען אלזא, שטעהענדיג חוץ דעם רעאקציאנערען „קאלא פאלסקיע" בילדען אין פארלאמענט א גענוג שטארקען קלוב. אין מזרח גאליציען זיינען אין די דערפער רושינען, וועלכע וועלען בילדען אין פארלאמענט א קלוב פון א ערך 30 מיטגליעדער. די דערפער וועהלען דאס רוב פארשריטליך אזוי, אז אפילו 5 סאציאליסטען קומען אין שטיכוואהל אין די דארפישע קרייזען, און ווען נישט די שווינדלען אין דער וואהלרויב פון די בעהערדען, וואלט זייער וואהל זיין א געזיכערטע. יעדענפאלס זענען צוויי פון דיזע פינף סאצ. שטיכוואהלען פאליטישענדיג זיכער.

אין די שטעדט, ווי די סאציאליסטישע געפאהר איז געווען גרעסער און ספעציעל אין קראקוי האט זיך געבילדעט א רעאקציאנער בלאק, וועלכער האט מיטעלס ניעדערטרעכטיגע קונצשטיקען און שווינדלען „בעזיעגט" די סאציאל-דעמאקראטישע קאנדידאטען. אין קראקוי זענען ביי די גרעסטע אנשטרענגונגען פון די פעראייניגטע סאציאליסטישע פארטייען, די ס. ד. קאנדידאטען דורכגעפאלען אנדעריש איז עס צוגעגאנגען אין דער צווייטער הויפטשטאדט פון גאליציען אין לעמבערג, וואו דער וואהלרויב איז נישט געווען אזוי גוט ארגאניזירט. באלד ביים ערשטען וואהלגאנג איז אין לעמבערג געוועהלט געווארען איין ס. ד. און צוויי קומען צו שטיכוואהלען. ווען נישט די רושינישע צעהלקאנדידאטען וואלטען אין לעמבערג ביי די ערשטע וואהלען געוועהלט געווארען 4 סאציאל-דעמאקראטען. בעצייכנענסווערטה, איז דער וואהלרעזולטאט פון .III יודישען וואהלקרייז אין לעמבערג, וואו ס'האבען קאנדידירט דער קהל'ניק האראוויץ, דער יודיש קלעריקאלע בראדע און דער ס. ד. דיאמאנד. די לעצטע קאנדידאטור איז פון אנפאנג גמעט נישט אין בעטראכט געקומען און א דאנק דער געמיינזאמער ארבייט פון דער יודישער און פוילישער פארטיי האט זי געקראגען די גרעסטע צאהל שטימען. אין צענטרום פון די ציוניסטישע קלעריקאלען, דארט ווי זיי האבען א טעגליכע צייטונג און א גאנצע ארמעע אגיטאטארען האט דער ציוניסטיש-קלעריקאלער קאנדידאט בעקומען סך הכל 800 שטימען. עס האט זיך אויך בעוויזען אז אין די צוויי הויפטשטעדט האט זיך דאס יודישע פאלק אויסגעלייזט פון דעם קהל'ישען איינפלוס. אין קראקוי איז דער קהל ביי די ערשטע וואהלען בעזיעגט געווארען פון דעם יודישען דעמאקראט דר. גראסס און אין לעמבערג וועט קהל מן הסתם נישט האבען א בעסערען פסק ווי אין קראקוי.

די יודיש קלעריקאלע פארטיי האט ביים ערשטען וואהלגאנג קיין איינציגען מאנדאט נישט ערובערט.

ביי די שטיכוואהלען איז פארלייפיג געוועהלט געווארען איין יודיש-קלעריקאלער און א דארפישען בעצירק. דיזער זיעג, וועלכען די ציוניסטען ווערען פערשרייען אלס א „יודיש נאציאנאלען" איז א זעהר צופעליגער און דורכאוים נישט קיין יודישער. פראפ. מאהלער, וועלכער איז געוועהלט געווארען אין טשארטקאווער דארפישען בעצירק האט בכן זיין וואהל צו פערדאנקען נישט די יודען זאנדערן די רושינען, וועלכע האבען איהם אונטערשטיצט נעגען א ווישעכאלאק. נו און דער זיעג פון דער יודיש-קלעריקאלער פארטיי אין בוקאווינא. די וואהל פון דעם יודישען-קעניג שטראוכער איז מעהר שמאכוויי רוחמאל פאר דער יודיש-קלעריקאלער פארטיי. וועגען דיזען זיעג, וועלכער איז גאנץ אנאלאגיש צו דעם זיעג פון פעטעלענין געגען דאשינסקי וועלען מיר בעזונדער בעריכטען.

ביז איצט זענען אין גאליציען ערשט צוויי סאציאל-דעמאקראטען געוועהלט געווארען: יאזעף הודעץ (לעמבערג) און הערמאן ליעבערמאן (פשעמישל).

היינט וועלען זיך ענדיגען די ערשטע וואהלען און מאנכע שטיכוואהלען פון 14 און 17 מאי. אין גאנצען וועלען זיך די גאליצישע וואהלען פערענדיגען ערשט אין איינינע טעג, מחמת אין די דארפישע צוויי מאנדאטען-וואהלקרייזען זענען די וואהלען זעהר קאמפליצירט און ס'קומען אין מאנכע וואהלקרייזען פאר דריי מאל וואהלען.

א בריעף פון V רוס. ס. ד. קאנגרעס אין לאנדאן.

מאנטאג דעם 13 מאי 7 איהר פארנאכט האט זיך געעפענט דער צוזאמענפאהר. די ערעפנונגס-רעדע האט געהאלטען פלעכאנאוו אין אלגעמיין איז די רעדע געווען נישט קיין געלונגענע, ארער ריכטיגער געזאגט, זי איז געווען א ביסעל נישט קיין טאקטישע. אין דער ערעפנונגס-רעדע האט געוועהנליך נישט געדארפט אונטערגעשטריכען ווערען וועלכע ס'איז פראקציאנס-שטאנדפונקט, און אין פלעכאנאוו'ס רעדע, נישט קוקענדיג אויף דעם. וואס ער איז געווען זעהר פארזיכטיג אין זיינע אויסדריקע, האט זיך דאך ארייגעגנב'עט דער מענשעוויזם. עס וואלט געווען פיעל גלייכער און טאקטישער איבערהויפט נישט צו בעריהרען אין דער ערעפנונגס-רעדע די פראגע וועגען

שטיצען פאָלגענדע קאַנדידאַטען: דר. דיאַמאַנד (ס. ד.) לעמבערג, דר. בראָזדע (ציוניסט) סטאַניסלוי, און ה' אַדאָלף שטאַנד (ציוניסט) אין טאַרנאָפּאָל.

וואָס אַנבעלאַנגט די יודישע ס. ד. פּאַרטיי, ווייסען מיר נישט פון קיין שום אַבמאַך פון אונזער פּאַרטיי מיט די ציוניסטען שוין איבער דעם גרונד וואָס אונזער פּאַרטיי שליעסט בכלל אויס קאָמפּראָמיסען מיט בורזשואַזנע פּאַרטייען, בפרט מיט אַזעלכע רעאַקציאָנער-קלעריקאַלע ווי די ציוניסטישע פּאַרטיי. דער לעמבערגער פּאַרטיי-קאָמיטעט. ווען ער איז שוין אריינגעצויגען געוואָרען אין דיזען קאָמפּראָמיס דורך דעם. וואָס ער פיהרט אַן פעראייניגט מיט דער פּ. פּ. ס. ד. דעם וואַהלקאַמפּף אין לעמבערג האָט נישט געקענט שליעסען קיין קאָמפּראָמיסען פאַר אַנדערע שטעדט. דיזען משונה'דיגען קאָמפּראָמיס קאָן אונזער פּאַרטיי נישט אנערקענען צוליעב צוויי טעמים: 1) מיט קלעריקאַלע פּאַרטייען. זיי מעגען זיין יודישע, דאַרף זיך א סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי נישט פעראייניגען, והא ראיה די עסטרייכישע ס. ד. האָט אַרויסגעגעבען א פּאַראָלע: ריקזיכטלאָז בעקעמפּפען די קלעריקאַלען ביי די שטימוואַהלען. 2) אין טאַרנאָפּאָל קומט פאַר דער ע ר י ש ט ע ר וואַהלגאַנג און וועלכען עס קעמפּפט געגען צוויי רעאַקציאָניסטען: דעם פּוילען-קלובלער און דעם יודיש-קלעריקאַלען א רושנישער ראַדיקאַל.

אפילו פאַר א מאַנדאַטס וועגען האָט די פּוילישע ס. ד. פּאַרטיי נישט געבראָכט עובר זיין אין די ס. ד. פּרינציפּען.

דער 8-טער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט היי-יאָהר פאַר-קומען דעם 13—18 אויגוסט אין האַאַג.

די פרויען בעוועגונג אין כינא. ווי א ענגלישע צייטונג גיט איבער איז אין כינא אויך פאַראַן א פרויען-בעוועגונג, וועלכע האָט אפילו אַנ'אייגענע טעגליכע צייטונג. דיזע בעוועגונג טראַגט נישט קיין ס אָ צ י אַ ל ע ן כאַראַקטער, נאָר א פּאַטריאָטישען, אָבער נישט אין שלעכטען זינען פון וואָרט. די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבען פון דער פרוי טשאַן, א בעאַמטענ'ס א ווייב. דיזע פרוי געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט. אז כדי כינא זאָל נישט דאַרפען מורא האָבען פאַר דער פרעמדען-הערשאַפט, מוז זי זיין שטאַרק. כדי צו זיין שטאַרק, דאַרף מען קודם כל האָבען קרעפטיגע מוטערס, וועלכע זאָלען ברענגען אויף דער וועלט א געזונדען און קרעפטיגען דור. מען מוז איינפיהרען א ערציהונג, געגרינדעט אויף פּרינציפּען פון דער היגיענע. דאָס איינשנורעווען די פיס און אַנדערע אַלט-פרענקישע געוואוינהייטען, וועלכע שטערען דער ענטוויקלונג פונ'ם קערפּער מוזען אַבגעשאַפט ווערען. פרוי טשאַן שטעהט פאַר א מאָדערנע ערציהונג אין לעהר-שול און היים און פאַר דער אויפקלערונג און אויסבילדונג פון די פרויען.

פּאָליטישע איבערזיכט.

די פערענדיגונג פון דעם קריזיס אין בעלגיען. מיט א וואָכען דריי צוריק איז אין בעלגיען נעפאַלען דאָס קלעריקאַל-רעאַקציאָנערע מיניסטעריום פון סמעט-דע-נאַיער. געפאַלען איז עס צוליעב דער אַב-שטימונג פון דעם פּאַרלאַמענט וועגען דעם 8 שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג אין די שטיין-קוילען גרובען קאַמפּיין — א אַבשטימונג, וועלכע איז געווען געגען דעם רצון און פאָדערונג פון מיניסטעריום. דער קריזיס האָט זיך פערשאַרפט נאָך מיט דעם הרבאי'ס נישט קאָנסטיטוציאָנעלען טריט פונ'ם קעניג, וועלכער האָט פעראָרדענט איינגאַנצען אַראָבצונעהמען פון דער טאַגעס-אָרדנונג דעם געזעץ, וועלען דער פּאַרלאַמענט האָט שוין אַבגעשטימט.

דער קריזיס איז איצט בשלום געלעזט געוואָרען און עס איז שוין פאַראַן מיט מזל א נייער קאַבינעט. דער מיניסטער-פּרעזידענט ד ע - ט ר ו ז איז געווען אין פאָריגען קאַבינעט מיניסטער פון אינערען און ער האָט דאָס אונטערגעשריבען דעם קעניגליכען נישט קאָנסטי-טוציאָנעלען דעקרעט וועגען דעם געזעץ מפּח דעם 8 שעה'דיגען אַר-בייטס-טאָג. אין מיניסטעריום איז אויך אריין א מיטגליעד פון דער „יונגער רעכטער" העלפּיוט, וועלכער האָט אזוי, צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטען און ליבעראַלען מיטגעווירקט, אַראָבצוואַרפען דעם נישט קאָנסטיטוציאָנעלען קאַבינעט. ווי אַזוי דיזער „דעמאָקראַט" וועט זיך קענען איינלעבען אין איין קאַבינעט מיט דעם נישט קאָנסטיטוציאָנע-לען ד ע - ט ר ו ז — בלייבט א קשיא. נאָר ווי עס שיינט איז דער בעגעהר צו פערנעהמען א מיניסטאַרישען שטול אזוי שטאַרק, אז ער פערטויבט אלע פריהערדיגע געפיהלען און שטרעבונגען. זייענדיג ביי דער מאַכט וועט דער ה' העלפּיוט פערגעסען, אז נאָך דא מיט עטליכע האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען און די קאָנס-טיטוציע און וועט געבען זיין הסכמה אויף אלע העלדען-מעשׂים פון זיין האר און פריהערדיגען געגנער ד ע - ט ר ו ז.

די קומענדע זיצונג פונ'ם אינטערנאַצ. סאָציאַליסטישען ביורא. דאָס אינטערנאַצ. סאָצ. ביוראָ וועט דעם 9-טען יוני אָבהאַלטען אין בריסל א פערזאַמלונג פון אלע מיטגליעדער.

די טאַגעס-אָרדנונג איז פאָלגענדע:

1) אַרומטראַכטען די פראַגען וועלכע דאַרפען אריינגעשטעלט ווערען אין דער ציטווייליגער טאַגעס-אָרדנונג פון צוקונפטיגען אינטער-נאַצ. סאָצ. קאָנגרעס אין שטוטגאַרט אין די רעזאָלוציע, וועלכע זענען שוין איבערגעגעבען געוואָרען אין ביוראָ.

2) פערטיילען די שטימען צווישען די נאַציאָנאַלע סעקציעס.

3) אַרומקלערען פאָלגענדע פאָרשלאָגען: בעשטימען די פער-זאַמלונג פון ביורא אויף דעם 16 אויגוסט, די פערזאַמלונג פון דער אינטערפּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע — אויף שבת, דעם 17, די ערעפנונג פון אינטערנאַצ. קאָנגרעס — אויף זונטאָג דעם 18 אויגוסט, צוזאַמענרופען אין דער צייט פון קאָנגרעס (דעם 20-טען אָדער 21 אויגוסט) א פערזאַמלונג פון די אַרויסגעבער אָדער רעדאַקטאָרען פון די גרעסערע סאָציאַליסטישע טאַגע-בלעטער, אויף אַרומצוטראַכטען די פראַגע וועגען גרינדען א אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטור אויף צו צושטע-לען ידיעות וועגען דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער בעוועגונג.

4) וועגען אָרגאַניזירען דעם קאָנגרעס און פערשידענעס.

דער יודישע פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע פונ'ם פינלענדער סיים.

אין די פינלענדער צייטונגען איז אַבגעדרוקט דער פאָלגענדער דאָקומענט:

צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע פונ'ם פינלענדער סיים פון דער אָדעסער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פון בונד (דער אַלגעמיינער יודישער אַרבייטער-בונד אין ליטא פּוילען און רוסלאַנד).

טייערע חברים! פעסט און מוטהיג האָט געקעמפּפט דער פינ-לענדער פּראָלעטאַריאַט פאַר דער בעפרייאונג פון זיין לאַנד פון דער ווילקיר פון דער רוסישער רעגירונג. צוזאַמען מיט אונז, אַרבייטער פון גאַנץ רוסלאַנד, האָט איהר זיך אויפגעהויבען ווי איין מענש און, דורך דעם דרוק פון אייער מעכטיגער בעוועגונג, האָט איהר ערקעמפּפט פאַר דאָס לאַנד איין-פּאַרלאַמענט-סיסטעם פון פאָלקס-פערטרעטונג און אַלגעמיינע, דירעקטע, גלייכע און געהיימע וואַהלרעכט אָהן אונטערשיעד פון געשלעכט.

איצט, ווען נאָך דעם האַרטען וואַהלקאַמפּף האָט איהר אָבגע-האַלטען אַ גלענצענדען נצחון און האָט דורכגעפיהרט אין סיים ביז 80 חברים, האָט איהר, פאָרשטעהער פונ'ם פינלענדישען פּראָלעטאַריאַט, בעוויזען דער גאַנצער וועלט, ווי גרויס עס איז אייער בעדייטונג אין לאַנד. וואָס פאַר אַנ'אונגעהויערען איינפלוס איהר האָט אויף די פינ-לענדישע פאָלקס-מאַסען.

שיקענדיג אייך, טייערע חברים, אונזער ברידערליכען גרוס. קאָנ-סטאַטירען מיר דעם פאַקט, אז אין אייער לאַנד איז צום ערשטען מאָל אין אייראָפּע, א דאַנק דעם ענערגישען קאַמפּף פונ'ם פינלענדישען פּראָלעטאַריאַט, די פרוי אויסגעגליכט געוואָרען אין איהרע רעכטען מיט דער מענער-בעפעלקערונג: די פּראָלעטאַרישע פרויען, וועלכע זענען בעזאָנדערס בעלאַסטעט און נעדריקט אונטער דעם יאָך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, פיהלען און פערשטעהען בעזאָנדערס גוט די גאַנצע גרויסע בעדייטונג פון זייער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג.

מיר בעגריסען אייך, חברים סאָציאַל דעמאָקראַטען! אייער נצחון דערנעהענטערט אויך אונז צו דעם טאָג, ווען אויך אונזערע פרויען וועלען זיך בעפרייען פונ'ם יאָך פון דער בירגערליכער רעכטסלאָזיגקייט. פאַר דעם פינלענדישען פּראָלעטאַריאַט עפענט זיך אייך א נייעס פעלד פון קאַמפּף פאַר אַנ'אמתע פאָלקס-הערשאַפט, פאַר ברייטע סאָציאַלע רעפאָרמען. מיר ווינשען אייך, אונזערע חברים, א פאָלען זיעג אויף אייער נייעם וועג.

אַלס יודישע אַרבייטער, וועלכע פיהלען אויף זייערע פּלייצעס די גאַנצע משא פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. זייענדיג אין צווייען רעכטלאָז און פערשקלאַפט אי אַלס יודען אי אַלס אַרבייטער — זענען מיר טיעף איבערצייגט אז איהר, די פאָרשטעהער פונ'ם אַרבייטער-קלאַס. וועט אויפהויבען אין סיים די נאַציאָנאַלע פראַגע און מיט דער גאַנצער פעסטיגקייט און ענערגיע, וואָס ליגט אין אייער טבע. געפינענדיג זיך בראש פון דעם אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט, וועט קעמפּפען פאַר'ן אָבשאַפען אַלע בעגרענצונגס געזעצען בנוגע צו יודען, און פאַר דער פולער בירגערליכער און נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג אין פינלאַנד.

חברים! איבער אייער פּאָליטישע עראָבערונגען שוועבט א סכנה. אויפ'ן הימעל פון אייער לאַנד ציהען זיך אַן וואָלקענס. אייער מפּלה וואָלט געווען אונזער מפּלה. נור דורך אונזער געמיינזאַמער אַנשטרענגונג אינ'ם קאַמפּף געגען דער זעלבסטהערשונג וועלען מיר פערזיכערען אונזער זיעג איבער די עקזיסטירענדע ווילקיר און געוואַלט-טהאַטען. מיר שטרעקען אייך אויס טייערע חברים, אונזער האַנד: צוזאַמען מיט אייך וועלען מיר קעמפּפען פאַר אַנ'אמת'ער פאָלקסהערשאַפט נור ז ו עט פערזיכערען די פרייהייט און די אונאַבהענגיגקייט פון פינלאַנד.

26 אפּריל 1907. מיט א חברישען גרוס

דער אָדעסער קאָמיטעט פון בונד.

דיזע רעזאָלוציע איז אַנגענומען געוואָרען אויף אַרבייטער פער-זאַמלונגען, אויף וועלכע עס האָבען זיך בעטייליגט אַרום 400 בונדישע מיטגליעדער.

פאַטריאָטיזמוס און סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

אין דער לעצטער צייט רעדט מען זעהר פיעל פון דעם פער-האַלטען זיך פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי צו דעם פּאַטריאָטיזמוס.

א יונגער אַבגעאָרדנעטער, נאָסקע, האָט אין א רעדע געזאָגט, אז די ס. ד. וועלען אין דער צייט פון א מלחמה קעמפּפען אזוי ענערגיש. ווי די בירגערליכע פּאַרטייען, ער האָט אָבער נישט שאַרף גענוג אונטערגעשטריכען, אז דאָס וועט נישט זיין דאַן, ווען די מלחמה וועט זיך פיהרען אין אינטערעס פון גאַנצען פאָלק, נייט נור פון דער בורזשואַזיע.

צו בעבעלן איז געקומען א קאָרעספּאָנדענט פון דער פּאַריזער צייטונג „מאַטין" און האָט איהם געפרעגט, ווי פערהאַלט זיך די דייטשע ס. ד. צו דעם „אַנטימיליטאַריזמוס" פון הערווע.

הערוויע איז א פראַנצעזישער סאָציאַליסט — סינדיקאַליסט: ער שטעהט נישט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער מאַרקסיסטישער לעהרע. ואַנדערן ער איז נאָהענט מיט זיינע אַנשויאונגען צו דעם אַנאַרכיזמוס.

הערוויע וויל דעם מיליטאַריזמוס אונמעגליך מאַכען דורכדעם,

„וליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!"

* * *

אַרימע נאַרעלעך: צו פרעהט איהר זיך נישט פאַר דער צייט?

און אז דעם בונד'ס אָרגאַן וועט ווירקליך פערשטומט ווערען? און אז דער דלות. דער יודישער דלות, וועט ווירקליך זיעגען דאָרטען וואו דער דעספּאָטיזם איז געווען נישט שטאַרק גענוג? און אז דער טעגליכער בת-קול וועט ווירקליך פערשווינדען ווערען? און אז דאָס ליכט — אין דעם עמוד אש — אויף דעם וועג — דורכ'ן מדבר — צום געבענשטען פרייהייטס-כנען וועט אויף א ווייליע ווירקליך פער-לאָשען ווערען? איז וואָס?

אָרימע נאַרעלעך! האָט איהר זיך אָקאָרשט נישט פעראייניגט פאַר דער צייט? טריאומפירט איהר נישט צו פריה?

גלויבט איהר, אז ער שטאַרבט טאַקי, דער „בונד"? גלויבט איהר אז ער קען איבערהויפּט שטאַרבען? גלויבט איהר אז אידעען אין דער געשטאַלט פון אַנ'אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט קען אין גאַנצען, נאָר אין גאַנצען נישט ווערען? און אויב דער בונד האָט שוין ווירקליך אויסגעלעבט זיינע יאָהרען גלויבט איהר, אז איהר זייט דאָס זיינע אמת'ע, געזעצליכע יורשים אין דאָס נישט מעהר דערפאַר ווייל אייערע מאָגערע בהמה'לעך פלעגען א מאָל זיך פאַשען אויף זיין געמייזאַכץ? נאָר דערפאַר טאַקי. ווייל אייערע צאָן-קדשים, צוזייט און צושפּרייט צווישען וועלף און יעגער. אָהן א מוה און אָהן א פאַסטוך. פלעגען געפינען זייער גייסטיגע שפּייז אויף דעם „בונד'ס" גרויסע. ברייטע. גרינע לאָנקע?

גלויבט איהר. אז איהם וועט א י ה ר ירשה'נען? גלויבט איהר, אז זיין מאַנטעל וועט אַראָבפאַלען אויף א י ע ר ע פ ל י י צ ע ס?

איהר האָט א טעות, ליעבע נאַרעלעך. איהר פרעהט זיך צו פריה: דער „בונד" איז א גרויסע אידעע אין אַנ'עקאָנאָמישען, לעבעדיגען, היסטאָריש-נויטווענדיגען אָרגאַניזמוס. און א אידעע שטאַרבט נישט, אזוי לאַנג ווי די בעדינגונגען, אונטער וועלכע זי איז אויפגעקומען, בלייבען די זעלביגע.

עס איז דא אין רוסלאַנד א יודען-פראַגע, עס איז דא אַנ'אַר-בייטער-פראַגע, דאָרטען ווי אומעטום. די ערשטע קען נאָר געלעזט ווערען צוזאַמען מיט דער צווייטער.

דאָס איז דעם „בונד'ס" אויפגאַבע.

מען דאַרף אין רוסלאַנד ספּעציעל קעמפּפען נעגען דעם פּאָג-ראָמישטשיק צו ער גרייפט אָן דעם יודישען אַרבייטער, אָדער דעם יודישען קאַפּיטאַליסט. מען דאַרף דאָרטען. ווי אומעטום. קעמפּפען געגען דעם קאַפּיטאַליסט צו ער איז א קריסט אָדער א יוד.

מען דאַרף פאַר דעם יודען ערקלערן מענשענרעכטע אין דער איצטיגע רוסישע רעוואָלוציע, ווי אַמאָל אין די ענגלישע, די פראַנ-צויזישע, די דייטשע; מען דאַרף אויך ערקלערן שוין אין דער היינ-טיגער געזעלשאַפט — מענשליכע לעבענסבעדינגונגען פאַר דעם פּראָ-לעטאַריער נופא, דורך זיין אייגענע מאַכט. קעמפּפענדיג געגען אַלע מינים אויסבייטער. פון אלע אמונות.

דאָס אַלעס קען טהון נ אָ ר ד ע ר „ב ו נ ד", ער אַליין, און נישט די, וואָס שטעהען מיט איין פוס אין רוסלאַנד און מיט דעם אַנדערען אין פּאַלעסטינא; ער אַליין. און נישט די. וואָס זינגען די מאַרסעליעזע מיט דעם ניגון פון כל נדרי: ער אַליין, און נישט די, וואָס ווילען זיין סאָציאַליסטען און מוזען שטעהן אָהן א היטעל פאַר די קאַפּיטאַליס-טישע יודען, מחמת זייער ליכטיגע פינאַנץ-שכינה רוהט אויף דעם גאָלד-שראַנק און די קדשי קדשים פון די נאַציאָנאַלע קאָלאָניאַל-באַנק העלפענדיג הויבען די דאָזיגע קופּע שקלים, וועלכע דאַרף דאָס ברענגען די גאולה אָהן יוסף בן-דוד'ס מאַרטירער-טויט. אָהן משיח בן-דוד'ס ערלעזער-געבורט.

אַה, ניין! אפילו ווען דער „בונד" זאָל ווירקליך שטאַרבען וואָלט נישט א י ה ר איהם ירשה'נען. אפילו אויב זיין אַראָבגעפאַלענער מאַנטעל זאָל ווירקליך דאַרפען קומען אויף פרעמדע פּלייצעס, וועט ער אויף אייך נישט פּאַסען: וועט ער פאַר אייער בני-מלכים פיגור זיין צו פּראָ-לעטאַריש-פּראָסט אויפגענעהט: וועט ער פאַר אייך. מיט אייער מורא פאַר א צוג-ווינד. זיין צו שטאַרק צולעכערט פון קאָילען: וועט ער אייך אויסזעהן צו פערשטויבט, צו צוקאָרטשעט. אפשר אביסל טראַנ-טעוואַטע אַרום די ברענעס-דורך זיין לאַנגען שווערען מאַרש איבער זאַמד און איבער זומפּען. אונטער דער ברענענדער זון און אונטער פּליכעס פון רעגען. וועט איהר אין איהם (דעם בונד'ס מאַנטעל) נישט געפינען קיין קעשענעס. אין וועלכע מען קען מאַכען בשתיקה א פויסט נעגען דעם אונטערדריקער, וואָס דאָס איז דער איינציגער רעוואָלוציאָ-נערער ענטפער נאָך דעם גוסט נאָך פון די ראָטהשילדס און פון די קלענערע בעדוען-שטערנס, וועלכע קריגען זייער ליכט בהשפּעה פון די דאָזיגע גרויסע הימלישע קאָנדעליאַבערס.

* * *

און אונזערע אַמעריקאַנישע גוטע פריינד, וועלכע קלויבען זיך אויף דעם „בונד'ס" לויה, פערשטעהען אזוי גוט ווי מיר אי אז דעם חולה'ס קריזיס איז כמעט שוין איבער, אי אז נישט זייערע חברים וועלען איהם ירשה'נען אין דעם פאַל, דאָס הייסט, אפילו אין דעם פאַל. ווען ער זאָל שטאַרבען.

אָבער מען טרייסט זיך מיט די רייד.

און מען איז „ביז!"

און דער לייב-אָרגאַן פון די יודיש-אַמעריקאַנישע שוואַרצע מאה אזוי גוט ווי דער אָרגאַן פון די היגע אַנאַרכיסטען, וואָס ווי ביידען פיטערט דער אַמאָליגער שטרענגער סאָציאַל-דעמאָקראַט, שרייבענדיג אַלס פּ. ס. מאַן, *) לפנים ניכטער, אונפּאַרטייאיש, רוהיג, געלאַסען, ציוויליזירט און עדעל, — דיזע ביידע אָרגאַנען, אַלזאָ, אין אַנדערע קלינגען דאָס איצט אין דעם גרויסען גלאָק, און רופען דעם עולם צו קומען דא אין אַמעריקאַ מלוה זיין זייער געפאַלענעם שונא.

פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי קריגען זייער ענטפער, די יודישע פּראָלעטאַריער אין רוסלאַנד וועלען זיי דיזען ענטפער געבען. און אזוי געבען, אז ער זאָל אָהן אַנ'איבערנאַטירליכען מעגאַפאָן אַרוי-בערהילכען צו אונז קיין אַמעריקאַ.

דערווייל דאַרפען מיר דא זיין בעדייט צו הערען ווי די גוטע מענשען פון אַלע שילען אין קלייזלעך רופען צו איינע צו די אַנדערע, זיך רייבענדיג די הענד:

„ברידער. עס גוסס'ט דער בונד."

„הורראַ! עס לעבע דער טויט!"

צו הערען, און צ ו געהן אונזער וועג.

מ. ווינטשעווסקי.

*) דער מחבר מיינט אידאי פיליפ קראַנין. רעד.

זיכען חברים אין קאמפף מיט דעם צאריזם צווישען די בירזשואזנע פארטייען — פלעכאנאוו האט אבער די פראגע יא בעריהרט.

דאס צייטווייליגע פרעזידיום, ביז ס'איז געוועהלט געווארען א בעשטענדיגעס, האט געפיהרט אבראמאוויטש (פון בונד). אין פרעזידיום זענען געוועהלט געווארען 5 פערזאן — פארשטעהער פון אלע 5 פראקציעס, וועלכע געפינען זיך אויפ'ן צוזאמענפאהר: פון בונד איז געוועהלט מעדעם. פון די באלשעוויקעס — לענין. פון די מענשעוויקעס — דאן, פון די לעטען — אזיפ. פון פ. ס. ד. — טישקא. — אויפ'ן צוזאמפאהר זענען פאריייפיג דא 279 דעלעגאטען מיט בעשטימונגס-רעכט און 43 — מיט בעראטונגס-רעכט. לויט די פראקציעס צוטיילען זיך די דעלעגאטען ווי פאלגענד: 81 באלשעוויקעס, 80 מענשעוויקעס. 54 פון „בונד" (איניגע במעט מענשעוויקעס, איניגע במעט באלשעוויקעס און דער גרעסטער טהייל — צענטראוויקעס), 39 פ. ס. ד. (אלע באלשעוויקעס), 25 פון די לעטיישע פאר-טיי (5 מענשעוויקעס. 6 באלשעוויקעס און די איבריגע צענטראוו-ניקעס).

די ערשטע 6 זיצונגען, ד. ה. גאנצע 3 טעג זענען אוועקגעגאנ-גען אויפ'ן אויסארבייטען דאס רעגלאמענט פון צוזאמענפאהר און די טאגעס ארדנונג. דער פראקציאנערער קאמפף ווייזט זיך ארויס ביי יעדער קלייניגקייט, וואס די מענשעוויקעס זאגען „יא", מוזען די באל-שעוויקעס זאגען „ניין" און אומגעקעהרט. לאנגע דעבאטען האט ארויס-גערופען דער פונקט „די ראלע פון פראלעטאריאט אין איצטיגען מאמענט", וועלכען די באלשעוויקעס האבען געוואלט אריינטראגען אין טאגעס-ארדנונג. וועגען דיזען פונקט איז פארגעקומען דער ערשטער ערנסטער געפעכט צווישען די מענשעוויקעס און די באלשעוויקעס, נאר אנגעפיהרט דעם געפעכט האבען נישט די מענשעוויקעס, נאר דאס צענטער און הויפטזעכליך, דער בונד. — אויף דער בעראטונג פון דער בונדיישער דעלעגאציע איז בעשלאסען געווארען ארויסצונעהמען פון דער טאגעס-ארדנונג דעם פונקט וועגען „דער ראלע פון פראלעטאר-יאט אין דעם איצטיגען מאמענט", ווייל קיין וואלט דער פונקט גע-בליבען, וואלט זיך דער צוזאמענפאהר פערוואנדעלט אין א דיסקוס-יאנס-פערזאמלונג צווישען די מענשעוויקעס און די באלשעוויקעס. די דעלעגאציע פון בונד האט אויף איהרע בעראטונגען דעריבער בעשלא-סען, מיט אלער מעגליכקייט נישט צו דערלאזען שטעלען אזעלכע פראגען אויף דער טאגעס-ארדנונג, וועלכע קענען געבען די מענשע-וויקעס און די באלשעוויקעס די מעגליכקייט אויסצוגלייכען זייערע אל-טע חשבונות אויף דעם איצטיגען צוזאמענפאהר און איהם מאכען ארבייטס אונפעהיג, — געגען שטעלען דעם פונקט אין דער טאגעס ארדנונג זענען ארויסגעטרעטען אלס גענעראל-רעדנער פלעכאנאוו, אבראמאוויטש און טראצקי. פאר'ן שטעלען דעם פונקט איז ארויסגעטרעטען אלעקסינסקי און נאך צוויי באלשעוויקעס. פלע-כאנאוו'ס רעדע איז געווען א וויציגע, אבער לויט איהר אינהאלט — א שוואכע, דער רעדנער פון די באלשעוויקעס. וועלכע האט גערעדט פריהער פאר פלעכאנאוו'ען, האט געענדיגט זיין רעדע מיט די פאל-גענדע ווערטער: „אויב איהר וועט נישט בעטראכטען אויפ'ן צוזאמענ-פאהר דעם פונקט „די ראלע פון פראלעטאריאט אין דעם איצטיגען מאמענט", וועט עס זיין א פעראט געגען דעם רוסלענדער פראלע-טאריאט"... פלעכאנאוו האט די דאזיגע נאאיווע, נארישע ווערטער אויסגעניצט און האט אנגעפאנגען זיין רעדע מיט סטאליפינס בעקאנ-טע פראגע „שרעקט אונז נישט", און אויף די פראגע איז געווען גע-בויט זיין גאנצע רעדע. און וועלכער ער האט ווייטער וויציג איראניזירט איבער די באלשעוויקעס. אבראמאוויטש האט געהאלטען אן'אינהאלטס רייכע רעדע און מיט טעמפעראמענט. ער האט גערופען צו די נאצ-יאנאלע סאצ-דעמ. ארגאניזאציעס. אז זיי זאלען אנווענדען אלע זייע-רע מעגליכקייטען נישט דערלאזען, דאס דער פארטיי-צוזאמענפאהר זאל זיך פערוואנדלען אין א דיסקוסיאנס פערזאמלונג פון די מענשע-וויקעס און באלשעוויקעס, וואס וועלען יעדע פרוכטבארע ארבייט פון צוזאמענפאהר אונמעגליך מאכען. נאך אבראמאוויטשען האט גערעדט אלעקסינסקי. אין דומע, ווי מ'דארף פיהרען א קאמפף מיט פורישקע-וויטשען אדער מיט די קאדעטען, דארף אלעקסינסקי זיין א גוטער רעדנער. ער איז סארקאסטיש און אין א געוויסען זינן אויך וויציג, נאר אויפ'ן צוזאמענפאהר איז ער א שלעכטער רעדנער; גראד איז אויס-געפאלען, אז טראצקי האט נעדארפט רעדען נאך אלעקסינסקין. טראצקי'ס רעדע איז געווען א גלענצענדע, סיי אין איהר אינהאלט סיי אין איהר פארם. — ביי דער אבשטימונג איז דער פונקט דורכ-געפאלען: געגען האבען זיך ארויסגעזאגט 142, פאר — 133. דערביי איז צו בעמערקען, דאס שוין פון דער ערשטער זיצונג פון צוזאמענ-פאהר קומען פאר במעט אלע אבשטימונגען נאך די פראקציעס. די דעלעגאטען זענען אין זאל פאנאנדערגעזעצט לויט די פראקציעס פון: רעכטס פון פרעזידיום זיצען באלשעוויקעס. לינקס — די מענשעוויקעס און אין צענטער — די נאציאנאלע ארגאניזאציעס. די באלשעוויקעס און פ. ס. ד. שטימען ווי א סטאדע — די פיהרער הויבען אויף די הענד און נאך זיי די גאנצע פראקציע. ביי די באלשעוויקעס קומט דאך א מאל פאר, דאס איינציגע האלטען זיך א מאל אב פון שטימען ווען זיי זענען נישט איינשטימיג מיט דער פראקציע. ביי די פ. ס. ד. אבער קומט עס נישט פאר. די מענשעוויקעס שטימען שוין א ביסעל מעהר אינדיווידועל, און ביים „בונד" און ביי די לעטען קומט אפט פאר, דאס זיי שטימען שוין צופיעל אינדיווידועל... דאך אין דעם גרעסטען טהייל פראגען שטימט דער בונד מיט די מענשעוויקעס. און די לעטען מיט די באלשעוויקעס, און מעהרערע פראגען בילדען דער בונד מיט די לעטען א צענטראלע שטעלונג. און פון זיי ביידען הענגט אב די אבנאהמע אדער די אבווייזונג פון וועלכען ס'איז שטרייטבארען פונקט.

צוליעב דעם פראקציאנערען קאמפף פיהרט זיך די ארבייט פון צוזאמענפאהר זעהר לאנגזאם. צו יעדען פונקט טרעטען ארויס ביידע פיינדליכע לאגערן און עס וויקעלט זיך פאנאנדער א דעבאטע. גאנצע 3 טעג. ד. ה. 6 זיצונגען האט גדויערט דאס אויסארבייטען דעם רעגלאמענט און די טאגעסארדנונג פון צוזאמענפאהר. דעם טאג, וואס מעדעם האט געפיהרט דאס פרעזידיום איז נאך די ארבייט געגאנגען אביסעל שנעלער. מעדעם האט נעפיהרט די זיצונג אויסגעצייכענט. נאר ווען ס'האט איבערגענומען אויפ'ן צווייטען טאג דעם פארזיין טישקא (פ. ס. ד.) איז געגאנגען מיט'ן קאפ אראב. און ס'האט זיך פון ארט נישט גערירט. א סך צייט האט אוועקגענומען דער פונקט פון דער טאגעסארדנונג „פארטיזאנישע ארויסטרעטונגען". די מענשעוויקעס, אטייל לעטען. דער „בונד" האבען געוואלט, אז דער פונקט זאל געשטעלט ווערען אין דער טאגעסארדנונג. און אז דער צוזאמענפאהר זאל אננעה-מען א רעזאלוציע געגען פארטיזאנישע ארויסטרעטונגען און געגען עקספראפריאציעס. דער גרעסטער טהייל באלשעוויקעס. וואס זענען פאר פארטיזאנישע ארויסטרעטונגען, איינזעהענדיג אז די מעהרהייט פון צו-זאמענפאהר זענען געגען פארטיזאנישע ארויסטרעטונגען, ווארום די פ. ס. ד. זענען אויך געגען דעם. האבען געוואלט, דאס דער פונקט זאל נישט געשטעלט ווערען אויף דער טאגעסארדנונג, און ממילא וועט קיין רעזאלוציע געגען איהם נישט אנגענומען ווערען. נאר כדי מ'זאל נישט זאגען, אז די באלשעוויקעס לויפען פון פלאין, האבען זיי עס געוואלט דורכפיהרען דורך די פ. ס. ד. וועלכע האבען פארגעשלאגען, אז דער פונקט זאל אראבגענומען ווערען פון טאגעסארדנונג. דער פלאן אבער האט זיך נישט איינגעגעבען און ביים אבשטימען איז דער פונקט אנגענומען געווארען, ביי אבנעהאלטענע שטימען פון די באלשעוויקעס און פ. ס. ד. הייסט עס אז זיי זענען געלויפען פון פלאין. און דער פונקט איז אנגענומען געווארען. און אלגעמיין איז דער טאג. ד. ה. דער 3-טער פון צוזאמענפאהר, געווען א שלעכטער פאר די באלשע-וויקעס.

דער 4-טער טאג איז שוין געווען א שלעכטער פאר די מענ-שעוויקעס. אנגעהויבען האט זיך דער טאג מיט די דעבאטען וועגען פאנאנדערשטעלען די פונקטען אין טאגעסארדנונג. די מענשעוויקעס האבען געוואלט, אז דער ערשטער פונקט זאל זיין דער בעריכט פון דער דומע-פראקציע. די באלשעוויקעס אבער האבען פערלאנגט, אז דער ערשטער פונקט זאל זיין דער בעריכט פון צ. ק. ביי דער אב-שטימונג האבען געזיעגט די באלשעוויקעס. נאך דער דאזיגער אבשטי-מונג האט זיך אנגעהויבען ווידער א נייער שטרייט. דעם בעריכט פון צ. ק. האט געדארפט לעזען מארטאוו. נאר דא האט זיך געמעלדעט ריזאדאוואי אויך א מיטגליעד פון צ. ק. א באלשעוויק און האט גע-פאדערט, אז מ'זאל איהם לאזען פארלעזען א צווייטען בעריכט פון צ. ק. פון א באלשעוויסטישען שטאנדפונקט. מארטאוו איז ארויסגע-טרעטען געגען דעם און האט נעפאדערט, אז מ'זאל לעזען נאר דעם בעריכט וועלכען דער צ. ק. האט אויסגעארבייט. ווייל אין אויסארבי-טען דעם בעריכט האט אויך אנטייל גענומען ריזאדאוואי, און ער האט דעם צ. ק. אפילו נישט דערמאהנט קיין מאל, אז ער וויל לעזען א בעזונדערען בעריכט, די פראגע איז געשטעלט געווארען אויף אבשטימונג און די מעהר-הייט איז געווען דאפיר, דאס ריזאדאוואי זאל לעזען א צווייטען בעריכט. אז ס'איז בעקאנט געווארען די רעזולטאטען פון דער אבשטימונג האט אבראמאוויטש פערלאנגט, אז מ'זאל איהם ערלויבען צו לעזען א דריטען בעריכט פון צ. ק., ווייל אלס א מיטגליעד פון צ. ק., וואס פערנעהמט א אנ-דער פאזיציע נישט ווי די מענשעוויקעס. נישט ווי די באלשעוויקעס דארף איהם געגעבען ווערען דאס רעכט. וואס ריזאדאוואי צו בעלויכטען די טהעטיגקייט פון צ. ק. פון זיין שטאנדפונקט. געגען דעם איז ארויס-געטרעטען אלעקסינסקי, ווייל נאך זיין מיינונג איז אבראמאוויטש א מענשעוויק דער גרעסטער טייל באלשעוויקעס אבער האבען געשטימט. אז אבראמאוויטשען זאל ערלויבט ווערען צו לעזען א בעריכט און אזוי האבען מיר גאנצע 3 בעריכטען פון צ. ק. — 2 בעריכטען הא-בען מיר שוין אויסגעהערט דער בעריכט וואס מארטאוו האט גלעזען האט קיין נייעס נישט דערצעהלט די יעניגע וואס האבען זיך די גאנ-צע צייט אינטערעסירט מיט דעם פארטיי לעבען, ס'פערשטעהט זיך, אז דער בעריכט איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון א מענשעוויסטישען שטאנד-פונקט. נאר לויט זיין פארם איז ער געווען גוט צוזאמענגע-שטעלט. דער בעריכט פון ריזאדאוואי איז אייגענטליך געווען נישט קיין בעריכט. נאר א קריטיק פון דעם בעריכט פון צ. ק. אב-ראמאוויטש האט זיין בעריכט נאך נישט געלעזען.

אין אלגעמיין האבען די מענשעוויקעס סאלידע טעראטעטיישע קרעפטען און בעסערע רעדנער אלס די באלשעוויקעס. פון די נאצ-יאנאלע ארגאניזאציעס האט דער „בונד" די סאלידסטע דעלעגאציע. די בונדיסטישע רעדנער (חוץ אדאלה טראצקי'ן, וועלכער געהערט צו קיין פראקציע און זיצט צווישען די בונדיסטען) זענען כמעט די בעסטע אויפ'ן צוזאמענפאהר, די מענשעוויקעס זענען מיט'ן בונד צופרידען — איהר קענט אפילו ביי זיי פועל'ן איצט א קילטורעלע נאציאנאלע אויטאנאמיע...

לאנדאן 11/V 1907 צביון

בראניק.

צווישען דער י. ס. ד. פ. און דער פ. פ. ס. ד. אין בראדי איז עס געקומען צו א עהנליכען וואהלאבמאך ווי אין לעמבערג. ער איז אויך געווען אבגעדריקט אין ארגאן פון דער פ. פ. ס. ד. אין לעמבערגער „גלאס".

א קוריאזער וואהל-קאמפראמיס. פון ציוניסטישען „טאג-בלאט" דערוויסען מיר זיך, אז צווישען דער פ. פ. ס. ד. י. ס. ד. פ. און דער ציוניסטישער פארטיי איז צושטאנדגעקומען א קאמפראמיס. לויט וועלכען די אויבענדערמאנטע פארטייען זאלען געמיינזאם אונטער-

א לויה אהן א נפטר. *)

הוראה! דער בונד גוסס'ט! דער בונד שטארבט! דער בונד וועט באלד נישט זיין!

* * *

אמת. נאך ציהט ער אב אנ'אטהעם: נאך שמילקעט זיך ווי א ליכט פאר'ן אויסגעהן זיין נשמה, נאך בעוועגט זיך, ווי א כוואליע אויף א שטילען ים, זיין ברוסט: נאך קלאפט דער הופק ווי ביי א זייגער וואס דארף זיך אט-אט אבשטעלען; נאך הארפט ער זיך פון איין זייט אויף די אנדערע ווי א דריידעל, ווען זי ענדיגט איהר בעוועגונג און האלט ביי'ן אנדערפאלען. — אבער

יגל יעקב ישמח ישראל!

פון דער גסיסה ביז יציאת-הנפש קען לאנג נישט דויערען און באלד, —זעהר באלד, ברידערלעך, זיסע ברידערלעך, ליבע ברידערלעך, וועט דער אבשטעל קומען אויף דעם דריידעל, וועט דער זייגער אויפ-הערען צו געהן, וועט די ברוסט ווערען אינבעוועגליך, וועט די ליכט אויסגעהן, וועט ער דעם אטהעם נישט מעהר אבציהען און דאן וועט זיין אויס בונד!

אין דער בלוטשטראם אין זיינע אדערן וועט נישט מעהר פליסען, און די מארך אין זיין מוח וועט זיין א שטיק הרוסת, און דאס ליכט אין זיינע אויגען וועט זיין אויסגעלאשען און זיין צעהן-יאהריגער פיעל-בעוואונדערטער לעבענס-קאמפף וועט זיך ענדיגען מיט א.. אפילו נישט מיט א קראך...

ברידער! עס גוסס'ט דער בונד!

ברידער! עס לעבע דער טויט!

* * *

און די שמשים פון די חברה קדישא אנשי בני-ציון (היקרים) רייבען זיך פאר שמחה די הענד, ווארטענדיג אויף דעם גרויסען נפטר, אויף א פעטע ירושה, אויף א פיינעם גוטען שנאפס, אויף א שעהנעם גראשען קבורה געלד פון זיינע רייכע, הגם פיינדליכע, קרובים.

און די ווערים, אונבעדייטענדע, אונבעקאנטע, אונזיכטבארע קריכערלעך, שרצים'לעך, וועלכע בעוועגען זיך קריכענדיג אויף די בייכעלעך זייערע. קיינמאל נישט וואגענדיג אויפצוהויבען א קאפ, נישט סמייענדיג אפילו אנצוזעהן דעם פוס וואס קלויבט זיך זיי צו צעטרעטען, נישט פערשטעהענדיג דעם פירוש פון די ווערטער „שטעהן בקומה זקופה", „ארויסגעהן בזרוע נטויה". שלאגען „ביד חזקה" און, טריאומפירענדיג, מארשירען „ביד רמה". — דיזע ווערים, וואס לעבען פון פגרים און נבלות, ווייל אויף לעבעדיגע חיות געהען זיי נישט ארויס אויפ'ן יאגד, וואגען נישט ארויסצוזעהן, זיי הייסט עס. ערווארטען א פעטען ביסען פון דעם בונד'ס ריזיגען בר-מינן, וועלכער דארף באלד קומען, און זיי הייבען די ערד אויף זיך פאר לויטער שמחה.

און די צוויי קעפיגע היה-רעה מיט א וואלף'ס צעהנער צו פער-צוקען און איין קאפ. מיט א היענא'ס ציינער צו צורייסען און פער-צעהרען טויטע קערפערס און דעם אנדערען קאפ איהרען, — דיזע היה האפט צו ענדיגען איהר מאהלצייט אויף דיזען נפטר. און זי טאנצט פאר שמחה, און זי שארפט איהרע ציינער, און פייער שפריצט פון איהרע אויגען. און באצייטען לעקט זי שוין אב איהרע ליפען, וואס סמאקעווען זיך אזוי ווי דער טויט וואלט שוין געענדיגט זיין ארבייט. אזוי ווי דער בונד וואלט שוין ווירקליך געווען טויט.

* * *

נאך א מאל

ברידער, עס גוסס'ט דער „בונד"! עס לעבע דער טויט!

און זיי ארבייטען ווי די וועבערקעס. און זיי לייפען ווי פער-סס'טע מיזן. און זיי צאפלען זיך ווי צודרייצטע סטרונעס פון א צימבעל. און זיי קעהרען א וועלט!

און א רידעל טראגט דער „אלטער בעקאנטער" און וואסער גיסט אויף דעם טריה-ברעט „יאנקעל דער גנלם"; און א מענה-לשון האלט אנגענרייט יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי: און א זעקעלע ארץ-ישראל ערד טראגט אונטערן ארעם דער „יודישער קעמפפער"; און א הספד פערפאסט שוין א ני-יארקער ווארהייטסמאן; און צו א שטילען מאלצייט קלויבען זיך די חסידי פ. פ. ס. מדרש יעקב. און אנארכיסטיש נאציאנאליסטישע סאציאליסטען רעוואלוציאנערען, — אינטערנאציאנאל קאסמאפאליטישע יודיש-רוסיש אמעריקאנישע טעריטאריאליסטען גרייטען שוין אן דעם ערשטען פריהשטיק פאר די יורשים פון כנסת ישראל.

בקיצור עס איז א לעבעדיגע וועלט! טויט איז דער בונד, עס לעבע דער טויט!

* * *

און ווי איינג זיי זענען דאס מיט א מאל געווארען די פיינדליכע ברידער ביי דער ערווארטעטער לויה! פערשאטען איז דער פארטיי-גרענעץ: פערגעסען איז די אלטע שנאה: פערשטומט זענען די נעגענ-זייטיגע קלות, און שיד איז ארין דער פראקציאנער יעיערד. סמאל'ס פראנץ פערנעהמט מיכאל. התן ואבירם זענען ארייגעשלונגען אין דער ערד: אלעס איז הארמאניע און ליבע און גליקזעליגקייט אין דעם בעפרייטען, אין דעם בונד לאזען יודענטהום.

און באקונין אין קבר שמייכעלט צו מארקס'ן און דאכט זיך. באמבעס וואלט ווארפען דער ציוניסטישער סאציאל-דעמאקראט, און גאלקעס (ששימצעטעל) וואלט ווארפען דער נאציאנאליסטישער אנארכיסט: און יאנקעל דער גנלם מיט יאנקעל סאפירשטיין זעהען אויס אזוי פעראייניגט ווי דער סיאמישער צווילינג. ווי די קריעה מיט דער קראפע. ווי דער שלים-מזל מיט פרין'עס באנטישע שוויג.

*) אין א פעליעטאן אונטער דיזער איבערשריפט, וועלכער איז ערשינען אין אונזער ברודער-ארגאן „פאלקסצייטונג" גיט דער בעקאנטער יודישער ארבייטער-דיכטער מ. ווינטשעווסקי א געהעריגען אבשניט אלערליי שונאים פונ'ם „בונד" אין אמעריקא, וועלכע האבען גלייך מיט אונזערע היימישע בונד-פרעסער ווידער געפינען געלעגענהייט צו פערקינדען דער וועלט. וועגען דעם אבשטארבען, וועגען דעם טויט פונ'ם „בונד". וויפיעל מאל האבען שוין די גאליציישע פ. פ. ס'ישע און ציוניסטישע בלעטער ערקלערט די ליקווידאציע, דעם אונטערגאנג פון „בונד"? דער עיקר און די אבזיכט פון דעם שטענדיגען ליקווידירען דעם „בונד" מצד פון זיינע שונאים אין אויסלאנד איז צו דורכ-זעצען מיר זאלען זיי נישט וויסען אזוי אין אמעריקא, ווי ביי אונז עקזיסטירען שטארקע ארגאניזאציעס פון יודישע ארבייטער אויף דעם מוסטער פון „בונד". זיינע שונאים אין אויסלאנד ווילען בכן מיט זייער גיפטיגער קייל טרעפען אויף איינמאל צוויי: אי דעם בונד אין רוסלאנד, אי די איהם אנאלאגישע ארגאני-זאציעס אין אנדערע לענדער. דער אויבען דערמאנטער פעליעטאן, איז דערי-בער אויך צוגעטראפען.

וואס די ס. ד. זאלען שטרעבען די רעגירונג וועהרלאז צו מאכען, דורך א שטרייק פון די סאלדאטען, דורך א גלייכצייטיגע רעוואלוציאן, אדער עהנליכעס. די וועהרלאזמאכונג פון דער רעגירונג איז אבער אונמעגליך, ווייל עס וועלען זיך שטעטס געפינען אזעלכע, וועלכע וועלען דעם שטרייק ברעכען און ווייל דאס קען זיך איינגעבען נאר אין די ציוויליזירטע לענדער, וואו דאס פראלעטאריאט איז גענוג שטארק, אבער דאפאן וואלטען געווינען נור די ווענינ ענטוויקעלטע לענדער, וועלכע וואלטען דאן געקאנט ערארבערן די קולטורעלע לענדער. איבערהויפט קענען רעוואלוציאנען נישט געמאכט ווערען; מ'קען נישט זאגען, אז אין דעם. אדער יענעם מאמענט וועלען מיר אויפהויבען א רעוואליציע. אום דעם קריעג צו פערהינדערן. מאסען-בעוועגונגען ווערען ארויסגערופען דורך גינסטיגע שטימונגען. וועלכע עס איז שטעטס שווער פאראויסציזעהען. נעראדע צו דער צייט פון א מלחמה ווערט אפט דער שאוויניזמוס אזוי שטארק, גערעדע דאן זענען רעוואלוציאנען זעהר שווער.

הערוויע אלס אוטאפיסט גלויבט, אז עס איז גענוג צו פיהרען א פראפאגאנדע געגען דעם מיליטאריזמוס איין יאהר און דאס פאלק וועט נישט קעמפפען. דא ווייזט זיך אבער ארויס א מין שעדליכע אילוזיאן, וועלכע פערקענט די ווירקליכע אורזאכען פון מאסענבעוועגונגען. פיר די גרויסע פאלקסמאסע איז א ריינע טעארעטישע פראפאגאנדע ווענינ: זי דארף טאטזעכליך פאקטיש זעהען, וואו און אויף וועלכען אופן די אדער יענע ערשיינונג איס ליעבען שעדיגען איהרע אינטערעסען. ערסט דאן פאנגט זי אן אימער מעהר צו פראטעסטירען געגען דיזע ערשיינונג.

די וועלט-קריגען זענען אבער נישט אזא איינפאכע זאך, אז די מאסען זאלען באלד איינזעהען, ווי דיזע שעדיגען זיינע אינטערעסען. דער וויכטיגסטער פונקט ליגט אבער דערין אז עס גיבט קריגען, אין וועלכע דער פראלעטאריאט איז פעראינטערעסירט. ווי די בורזשואזיע. די ס. ד. בעטראכטעט קיין ערשיינונג אין דער וועלט אבגעזונדערט, אבגעריסען פון אלען אנדערע; פיר די ס. ד. גיבט עס נישט א מין סתם-מלחמות. זי בעטראכטעט יעדע ערשיינונג אין איהר צוזאמענהאנג מיט אלע אנדערע בעדינגונגען, וועלכע בעגלייטען דיזע ערשיינונג. די ס. ד. פרעגט שטעטס, צי איז דער קריעג ביי דיזע בעדינגונגען, אבער נישט צו ער איז להרוטין פיר דעם ארבייטערקלאסע.

און די דייטשע ס. ד. קויטסקי, בעבעל, ליבקנעכט, געפונען, אז עס זענען מעגליך פאלען, וואו א קריעג קאן אויך זיין פיר די ארבייטער פארטיילהאפט. בעבעל האט דעריבער ערקלעהרט, אז די דייטשע סאציאלדעמאקראטיע איז געגען די ריין-אנארכיסטישע אנטימיליטאריסטישע פראפאגאנדע פון הערוויע. די בירגערליכע פרעסע וויל דערמיט בעווייזען אז די סאציאלדעמאקראטיע איז געווארען „פאטריאטיש". כדי קלאהר און דייטליך צו ערקלעהרען דעם סאציאלדעמאקראטישען שטאנדפונקט אין דיזער פראגע, האט קויטסקי אבגעשריבען א אינטערעסאנטען ארטיקעל אין דער לייפציגער פאלקסצייטונג. וועלכען מיר ווילען בקיצור איבערגעבען אונזערע לעזער. דאס וועלען מיר א צווייטען מאל מאכען.

די ציוניסטען עראבערן מאנדאטען אין טשערנאוויץ.

עס זענען אונז בעקאנט די גאליציאנישע וואהלען, מיר ווערען אויפגעבראכט ווען מיר מוזען וועגען זיי רעדען אדער שרייבען. א יעדער וואס בעזיצט נאך אין זיך א פינק עהרליכקייט פערדאמט די טאקטיק פון די הערשענדע פארטייען אינ'ם לעצטען וואהלקאמפף. אויך אונזערע ציוניסטען זענען מלא כעס אויף די וואהל-קארופציאניסטען און שווינדלער אבער אויף וויפיעל דאס ווענדט זיך געגען זיי. זיי פראטעסטירען אויך געגען דער וואהלקארופציע און שיקען זאגאר דעפעשען און דעפוטאציעס צו די מיניסטארען מיט אנקלאגען וועגען די מיסברויכען פון די בעהערדען. אבער נאר דעמאלט ווען דאס אלעס איז געווענדט געגען זיי... אין א היילינגע בעס פאלען זיי נאר אריין ווען זיי שרייבען וועגען דער קארופציע און די שווינדלען פון די קהל'ס, אבער ווי אזוי נעהמען די ציוניסטען פאר דארט, וואו קהל איז אין זייערע הענד, וואו די בעהערדע איז אונטער זייער איינפלוס, צ. ב. אין טשערנאוויץ. די קראקויער וואהל מאכינאציעס פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי קענען קוים זיין א שוואכע קאפיע פון די טשערנאוויצער רומפעראייען פון דער ציוניסטישער פארטיי. אויך דארט איז עס ה' שטרויכער געלונגען צו שאפען א בלאק פון אלע רעאקציאנערע פארטייען געגען דער סאצ.-דעמאקראט. פארטיי. די פאלען האט די טשערנאוויצער קהל'יש-ציוניסטישע קליקע געוואונען דורך דער פערפעלשונג, דאס זי וועט זיך נישט שטעלען אין געגענזאץ צו דעם „קאלא פאלסקיע". די רוטענען ווידער האבען זיי צוגעזאגט, זיי אין אלעם צו אונטערשטיצען, כאטש די פאדערונגען פון די רושינען זענען אין א פאלקאמען געגענזאץ צו דער פאליטיק פון „קאלא פאלסקיע". אבער, אזוי ווי אין קראקוי, האט זיך אויך דארט די פעראייניגטע רעאקציע געפיהלט צו שוואך געגען די ס. ד. און זי האט זיך נאך צו הילף גענומען א זעלכע מיטלען, ווי בעשטעכונג, בעטרוג, שווינדעל, וואהלרויב און פאליציי. אפשר נישט פאסיגע קאמפפסמיטלען פאר א פארטשריטליכע, דעמאקראטישסטע פארטיי ווי די ציוניסטען ווילען עס זיין? אבער אונעהרליך וואלט עס זיין פון אונז צו מאכען דיזער פארטשריטליכער פארטיי א זעלכע שווערע פארוואורפען נישט ברענגענדיג קיין בעווייזע. לאמיר דעריבער לאזען רעדען די פאקטען גופא:

אין אנאפענעם שרייבען פון דער בוקאווינער ס. ד. פארטיי צו דעם לאנדעספרעזידענט פון טשערנאוויץ לעזען מיר: „מיר האבען בעווייזע אין אונזערע הענד. אז דיזע קליקע האט איהר וואהלגליק מיט לעגיטימאציעס פון טויטע בירגער אויף דעם פרעכסטען אופן געבעסערט, מיר האבען בעווייזע אין די הענד, אז אין א בעשטימטער ציגעליי האט מען די ארבייטער די לעגיטימאציעס איינגעהאלטען און נאר יענע האט מען נעפיהרט צו דער אורנע, וועלכע האבען זיך ערקלערט צו שטימען פאר שטרויכער אדער וועגדער: מיר האבען בעוויזע דרויף, אז הויזאייגענטימער האבען זייערע סטרוזשעס די לעגיטימאציעס אין די שטימצעטעל פערניכטעט, ווייל זיי האבען נישט געוואלט שטימען אויף דעם הער וועגדער. מיר האבען בעווייזע, אז אונזערע וועהלער זענען מיט שלעק טראקטירט געווארען, כדי זיי אויף אזא אופן צו בעוועגען, דאס זיי זאלען שטימען פאר'ן ה' וועגדער, מיר האבען בעווייזע אז נישט דערוואקסענע יונגע לייט האבען אהן צווייפעל אין אויפטראג פון געוויסענלאזע אנשטיפטער, אונטער דעם אויסרוף: „לאמיר נאר מיט דעם גוי אנהויבען — דורך א איבערפאל פון הינטען פראוואצירט א פריעדליכען רוטענישען ארבייטער צו וועהרען זיך כדי איהם ·דאן אין בעגלייטונג פון אימער בערייטשטעהענדע עדות אלס „יודענהעצער" אויף די פאליציי צו שלעפען. א רוסלענדער ארימען יוד, וועלכער איז געוועזן ביי קהל אנגעשטעלט אלס טעמפעלקאריסט האט דער קהל-פרעזידענט ה' שטרויכער אבגעשאפט פון פאסטען, דערפאר, ווייל ער האט אגיטירט געגען שטרויכער. דעמזעלבען מענשען האט ה' שטרויכער געדראהט, דאס ער וועט איהם לאזען צו דער גרענעץ אבשטעלען.

דאס ערוועדנטע אפענע שרייבען פיהרט נאך אן א גאנצע רייהע פאקטען פון שווינדלען און טעראר, וועלכע די „פארטשריטליכע, דעמאקראטישע ציוניסטישע פארטיי" האט בעגאנגען ביי די וואהלען, און אלע פארוואורפען ווערען קאנקרעטיזירט. צוליעב פלאצמאנגעל זענען מיר נישט אין דער לאגע צו ציטירען דעם גאנצען מאטעריאל. אבער אלין דאס איבערשטייגט די פאלגענדע פראוואקאציע: אין אויגענבליק ווי די שטרויכער-פארטיי האט דערזעהען, אז הגם דעם אונערהערטעסטען וואהלבעטרוג איז אין טשערנאוויץ-וועסט איהר קאנדידאט ווענער נישט געוועהלט געווארען, זענען ארויסגעשווימען גאנצע באנדען פון קראוואלמאכער און יעפיהרט פון בעקאנטע אינדיווידוען האבען זיי ביי אלע ס. ד. וועהלער די שויבען אויסגעשלאגען. זיי האבען אגב אויך אויסגעשלאגען די שויבען ביים וויצעבירגערמייסטער באראן פירטה, אבער דאס איז געשעהען אין דער דירעקטער אבזיכט, דאס מ'זאל באלד דעפעשירען אין די וויענער בלעטער, אז גריגא־אוויצי דעמאליזירט פירהטה'ס הויז, כדי די דייטשען זאלען ביי די שטיכוואהלען נאר שטימען אויף וועגדער. דיזע פראוואקאציע האט זיך אויך געציעלט דערין, אז מ'זאל אונשולדיגע ארבייטער ארעסטירען און זיי אזוי ערים בערויבען פון וואהלרעכט.

אזוי זעהט אויס די זויבערע טאקטיג פון דער איינציג דעמאקראטישער, ווייל דאך אמת'דיג — יודישער פארטיי.

די יודיש-נאציאנאלע — דעמאקראטיש-ציוניסטישע פרויענאגיטאציע אין בראד.

נאך א רייהע פון פערזאמלונגען פאר יודישע וועהלער, וואו אונזערע נאציאנאלע דעמאקראטען האבען זיך בעשטרעבט צו ענטוויקלען זייער „פראגראם" (איך בעט אום ענטשולדיגונג אלע יודיש-נאציאנאלע, ווען איך האב מיך בענוצט מיט פאר זיי און זייער פארטיי א העכסט בעליידיגענדען און אונאנגענעהמען ווארט). נאכדעם וואס דער גאנצער יוד ה' אדאלף שטאנד האט בעקומען אין דער „יודישער" שטאדט בראד א פירסטליכען עמפפאנג, ווי זיינע טראבאנטען פערקינדען עס אינ'ם צענטראל-ארגאן, נאכדעם וואס אונטער די בירגער וועלכע זענען גענאנגען צום באהנהאף ערווארטען דעם געליבטען פאלקספיהרער האט זיך אויך געפונען א גרויסע צאהל פון בירגערינען — אכת יודישע טעכטער, יונגע און אלטע, קליינע און גרויסע, איז דאס גאנצע יודישע הארץ פונ'ם גאנצען יוד — דעם ציוניסטישען קאנדידאט געריהרט געווארען און זיין שטימע האט אזש געבעבט פאר אויפרעגונג, ווען ער האט געזאגט: „איך וויל א פרויענפערזאמלונג האבען" (די ווערטער פונ'ם ה' שטאנד). עס טהוט זיך אבער נישט אזוי גיך, ווי עס רעדט זיך, און נאך דעמזעלבען טאג ווען דער ה' שטאנד איז געקומען האבען די בראדער בירגערינען געמוזט פון 7 ביז 11 אין דער נאכט שטעהען אונטער די פענסטער פון דעם געמיינדעראטהזאל ווי דער ציוניסטישע קאנדידאט האט בעלעהרט זיינע ברידער — די וועהלער וועגען זייערע פאליטישע פפליכטען און רעכטע און וואס פאר א געברויך זיי דארפען מאכען פונ'ם נייערוואָרבענעם רעכט. און אינטען זענען געשטאנען זייערע פרויען, מוטער און שוועסטער און האבען געוואלט ווענינסטענס איין ווארט הערען פון דעם, וואס קען אזוי פערהענגניספאל זיין נישט פאר די, וועלכע זיצען אדער שטעהען דארט אונטער דער פערשלאסענער טהיר, נאר אויך פאר זיי, די וועלכע שטעהען דא אויף דער זייט טהיר.. אבער סאר'א נס... און דא איז פליצלינג פערברייטעט געווארען דאס געריכט, אז ה' אדאלף שטאנד וויל א פרויענפערזאמלונג און אז זי וועט זונטאג דעם 6 ד. מ. אין דער פאלקסקיכע שטאטפינדען. יא, זי האט טאקי שטאטגעפונדען, נאר דעם איבעל איז דאמיט נישט אבגעהאלפען געווארען, דען ווידער זענען געצוואונגען געוועזן צו שטעהען צעהנדליגע פון פרויען פאר דער טהיר, וועלכע איז געהיט געוועזן פון איניגע לעמבערגער „צערבערער" וועלכע זענען ספעציעל צוליעב דער עהרענהאפטער מיסיאן אהער געקומען און זיי עס על פי טעות (דען דעמאקראטען קענען עס דאך אונמעגליך בכיון טהון) די, פאר וועלכע עס איז שוין קיין פלאץ נישט געוועזן זענען געוועזן גראד מייסטענטיילס ארבייטערינען... דאס איז ביז דעם זאל. דארט אינוועניג האלט א פארעדע הערר וואשיץ אויס קראקוי, און דאן טרעט אויף דער קאנדידאט אליין און ערצעהלט די פרויען, אז קיין וואהלרעכט האבען זיי נאך נישט, און ווייל זיי האבען עס נאך נישט, מוזען זיי ווענינסטענס אגיטירען און אז שוין אגיטירען איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, אז אגיטירען דארף מען פאר איהם, — פאר'ן ה' אדאלף שטאנד.

פאר וואס עפעס גראד פאר איהם און נישט פאר קיין אנדערען? פאר וואס? עס איז דא צ. ב. אזא „פארטשריטליכער" קאנדידאט ווי ה' וואלערנער (ראדא-נאראדאווא) עס איז דא נאך איינער. וועלכער איז אפשר נאך אזא גוטער דעמאקראט, ווי ה' שטאנד, דער דאקטאר היינריך לעווענהערץ און פון דעסטוועגען זאלען די בראדער פרויען אגיטירען נאר פאר דעם יודיש-נאציאנאלען. פאר וואס? נישטא קיין ענטפער. דאס האט זיך ארויסגעוויזען אין דער דיסקוסיע. ווי אונזער גענאסין וו. (וועלכער עס איז געלונגען מיט גרויס מיהע אריינצולאזען צו ווערען נאכדעם ווי זי האט ערקלערט. אז עס וועט זיין א בלאמאזש פאר זיי אליין, ווען מען וועט זי נישט אריינלאזען) האט אלס ערשטע אפאנענטין געשטעלט אן דעם ה' שטאנד די און נאך אנדערע פראגען זי האט איהם נאר איינע געבעטען. ווען ער האט איינבערופען א פרויענ-פערזאמלונג און פאדערט אויף צו אגיטאציאן, זאל ער ווענינסטענס זיין קרעדא קלאר לעגען, און נעבענביי האט זי איהם אויך אינטערפעליערט וועגען דער נאציאנאלער פראגע, ווי אזוי רעכענט ער זי צו לעזען ביז ירושלים, דא אין גלות, און האט איהם בעקאנט געמאכט מיט דער לעזונג. וועלכע די י. ס. ד. פ. שלאגט פאר פאר דער פראגע. נאך איהר האט גערעדט פריי געשאבעק, וועלכע האט אונטער אנדערעס געפרעגט. פאר וואס דער קאנדידאט רעדט נישט יודיש און פאר וואס אינ'ם זאאל געפינען זיך אזוי ווענינ ארבייטערינען? אויף די פראגען האט דער קאנדידאט געענטפערט דאמיט, אז אום צו בעאנטווארטען זיי אלע מוז מען האבען אסך צייט און איבריגענס וועלען די פערזאמעלטע נאך צייט האבען צו הערען אויף אנדערע פערזאמלונגען דאס פראגראם פון די יודיש-נאציאנאלע און דאן ערשט א טאג ציפאר האט ער עס ערקלערט אין געמיינדעראטהזאאל פאר די וועהלער. דאס איז געוועזן דער ענטפער און אז אונזערע גענאסין האט נאך אמאל ערגריפען דאס ווארט און האט אנגעוויזען ווי אונבעפריעדיגענד אזא ענטפער איז, זענען די „צערבערערס" (וועלכע זענען דערווייל שוין אריינגעגאנגען אינוועניג) אונגעדולדיג געווארען און איינער פון זיי (דער אנפיהרער) האט מיט פאטאס אויסגעשריען: Ona niema głosu (ווי געוועהנליך רעדען די ציוניסטען אינטער זיך נאר פויליש). ה' וואשיץ נעמט דאס שלוסווארט און צו דעם לויבגעזאנג פון די פערזעהנליכע מעלות פונ'ם ה' שטאנד געזעלט זיך נאך א קאסקאדע פון ליבפרייזונגען און ליבישצונגען אויף די פערזאן פונ'ם יודיש-קלעריקאלען קאנדידאט. ווי עס שיינט איז א בך בעקוועמער און לייכטער, צו געפינען גוטע איינגעשאפטען ביים הערר אדאלף שטאנד, איידער אנצווייזען ווענינסטענס איין מעלה פאר'ן יודישען פאלק אינ'ם יודיש-נאציאנאלען פראגראם. ווערטה איז נאך צו בעמערקען דאס פערהאלטען פון אונזערע דאמען, וועלכע האבען נישט בעמערקט די גרינגשעצונג פונ'ם קאנדידאטען צו זיי און האבען ביי יעדער פראזע, וועלכע ער האט פון אויבען אראב געשליידערט געקלאפט פערצווייפעלט „בראוואָ" און געשריען היסטעריש: Niech żyje!

פרעספאנד: שארף 10 ה. אנטמאן 3 קר. דסמאן מאיער 40 ה. דר. ב' 10 קר. פאר דער מפלה פון די קראקויער קהל'ניקעס 2 קר. נייטאן יאראסלאוו 1 קר. אקאדעמיקער רעמבערג 1 קר.

וואצו קויפען זיא כשר'ע זייפע?

אום דאס געשירר צו וואשען!

נעהמעו זיא ליעבער כשר'ע אמינאל, דאס איזט בעססער אונד בילליגער אלס יעדע זייפע אונד דירעקט צו דיעזעם צוועקע ערצייגט.

„כשר־אמינאל" איז איינע וואהרע וואהלטהאט פיר יעדען הויזהאלט.
„כשר־אמינאל" רייניגט דאס שמוציגסטע געשירר מיט לייכטיגקייט
„כשר־אמינאל" גיבט דעם עססצייג זאפארט דעם נאטירליכען גלאנץ.
„כשר־אמינאל" רייניגט אלע קיכענגערעטע מיט גראסער שנעליגקייט.
„כשר־אמינאל" רייניגט איבערהויפט אללע הארטען געגענשטענדע מיט אויסנאהמע פאן יאויעלען און פיינען ווייסען מעטאללען
„כשר־אמינאל" ווירד אונטער שטרענג ריטועללער איפזיכט זיינער עהרווירדען דעם הרה"ג מו"ה **שמחה פרענקיל** פון **פאדגורזע** ערצייגט.

געברויכסאנווייזונג:

מאן נעהמע איינען לאפפען אדער שוואמם. בעפייכט איהם געהערינג ורדנ יעיבאאי הם אויף דעם „אמינאל" ביז עס שוימט. נעהמי אן ר מאן אהנע וויטערס די ריינינג פאר.

געארג שיכט איסיג

ביכערפערלאג „די וועלט", ווילנא.

צו בעציעהען פון דער

אדמיניסטראציע „דער סאציאלדעמאקראט קראקוי.

סטאראווישלנא 42.

עדוארד בעלאמי, **אין הונדערט יאהר ארום** 1.5 ה'
דוד פינסקי, **יום כפור**; ה. נאמבערג, **מען ווינקט** 10 „
יעווין, **אין א פינסטערע נאכט** [illegible] „
*, **דער קליינבירגערליכער סאציאליזמוס** [illegible] „
דוד פינסקי, **פאמיליע צבי** 60 „
ק. קאוטסקי, **ערפורטער פראגראם** אין העפטן, יעדעס העפט 25 ה', דאס גאנצע בוך [illegible] „
מ. שיפעל, **די עקאנאמישע איבערקעהרעניש** און די סאציאלדעמאקראטיע [illegible]5 „

ביי גרעסערע בעשטעלונגען און איבערהויפט פראוינץ און קלפארטערען ערהאלטען 30 פראצענט רעבאט.

Wydawca i odpowiedzialny redaktor Abraham Spanlang.

Drukarnia S. L. Deutschera w Podgórzu.